**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 08/22/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווארנער האקול מעלדט 60-יוניט צוגענגליכע און שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענט אין קארינט**

***24 מיליאן דאלאר זירו-עמישנס דעוועלאפמענט באווייזט געאטערמאל הייצונג און נוצט סאלאר עלעקטריסיטי***

***ריווערוויו דירות רעכנט אריין 30 דירות מיט שטיצנדע סערוויסעס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דאס פארענדיגונג פון ריווערוויו דירות, א 60-יוניט צוגענגליכע דירות-געביידע אין די טאון פון קארינט, סאראטאגא קאונטי. די 24 מיליאן דאלאר זירו-עמישנס דעוועלאפמענט רעכנט אריין 30 שטיצנדע יוניטס מיט און-סייט סערוויסעס פאר בארעכטיגטע היימען. אין די לעצטע פינף יאר, האט די ניו יארק סטעיט היימען און די קאמיוניטי באנייען געשאפן אדער אפגעהיטן מער ווי 900 צוגענגליכע היימען אין סאראטאגא קאונטי. ריווערוויו דירות באמיט זיך ווייטער און געבט צו צו גאווארנער האקול'ס 25 ביליאן דאלאר פינף-יאר האוזינג פלאן וואס וועט מאכן אדער אפהיטן 100,000 צוגענגליכע היימען דורכאויס די סטעיט.

"ניו יארק איז איבערגעגעבן צו שאפן נייע האוזינג געלעגנהייטן אין יעדע ווינקל פון די סטעיט און מיר זענען גליקליך צו האבן פלעצער ווי קארינט וואס האבן זיך אנגעשלאסן אין אונזער פרא האוזינג געמיינדעס פראגראם," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "ריווערוויו דירות ברענגט שטארק-נויטיגע צוגענגליכע האוזינג צו סאראטאגא קאונטי און שטעלט אויך צו פאר איינוואוינער מיט שליסל שטיצע סערוויסעס, און אין די זעלבע צייט באזייטיגן געביידע עמישנס צו דערגרייכן געזונטערע געגנטער און א ריינערע, גרינערע סטעיט."

ריווערוויו דירות איז א זירו-עמישנס האוזינג דעוועלאפמענט און פארלאנגט פאסיל ברענשטאף. די געביידע ווערט געהייצט און געקילט נוצנדיג א געאטערמאל סיסטעם און עלעקטריסיטי קויפט מען פון א געמיינדע סאלאר פאסיליטי. די פראיעקט האט אויך ENERGY STAR® אפלייענסעס און לייט פיקסטשורס, האט וואסער-האלטונג פיקסטשורס און נוצט פעינט און סילענטס מיט נידריגע אדער אן קיין וואלאטיל ארגאנישע קאמפאונדס. די געביידע איז דיזיינד לויט די רעגולאציעס פון די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און דעוועלאפמענט אויטאריטעט נייע בוי-ארבעט - האוזינג טיער IV פראגראם און LEED פאר היימען V4 פראגראם.

יעדע יוניט אין ריווערוויו איז ערמעגליכט פאר הויזגעזינדער וועלכע פארדינען ביז 60 פראצענט פון די עריע מידיען אינקאם. די 30 שטיצנדע יוניטס זענען אוועקגעלייגט פאר הויזגעזינדער וואס פלאגן זיך מיט היימלאזיגקייט אדער גייסטישע קראנקהייט. RISE וועט צושטעלן און-סייט סערוויסעס אריינרעכענענדיג גייסטישע געזונטהייט שטיצע, זעלבסטשטענדיגע לעבנס סקילס טרענירונג, סערוויס קאארדינאציע, און קריזיס אינטערווענירונג.

די געביידע האט א געמיינדע צימער מיט א קאך, וואש-צימער, איבונגען צימער, בייק סטארעדזש און צוטריטצו אומזיסטע בראודבענד אינטערנעט. אן-סייט טראנספארטאציע סערוויסעס ווערן צוגעשטעלט פאר איינוואוינער.

ריווערוויו דירות איז געשטיצט דורך HCR's פעדעראלע נידריג איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיט פראגראם וואס האט צוגעשטעלט ארום 11.8 מיליאן דאלאר אין קאפיטאל, סטעיט נידריג-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיט פראגראם וואס האט צוגעשטעלט 3.6 מיליאן דאלאר אין קאפיטאל, א געבארגטע 2.3 מיליאן דאלאר פון זיין שטיצנדע האוזינג געלעגנהייט פראגראם, א געבארגטע 2 מיליאן דאלאר פון זיין HOME פראגראם און א געבארגטע 1.1 מיליאן דאלאר פון זיין פעדעראלע האוזינג טרוסט פאנד פראגראם. די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונט האט צוגעשטעלט א $257,000 פראיעקט דעוועלאפמענט גרענטאון NYSERDA's נייע בויארבעט - האוזינג פראגראם האט צוגעשטעלט א $240,000 אינסענטיוו צו RISE. נאציאנאלע גריד האט צוגעשטעלט א ריינע היץ ענערגיע אינסענטיוו פון $203,000. ארבעטנדע געלטער פון בערך $750,000 יערליך ווערן צוגעשטעלט דורך עמפייער סטעיט בייהילפיגע הויזינג איניציאטיוו (Empire State Supportive Housing Initiative) דורך OMH.

**גאווערנער האקול'ס האוזינג אגענדע**
גאווערנער האקול איז איבערגעגעבן צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און מאכן די סטעיט מער צוגענגליך און מער וואוינבאר פאר אלע ניו יארקער. אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, האט די גאווערנער פארזיכערט א היסטארישע אפמאך צו פארגרעסערן די צאל הייזער אויף ניו יארק'ס האוזינג מארקעט דורך נייע שטייער אנרייץ מיטלען צו בויען אין אפסטעיט קאמיוניטיס, נייע אנרייץ מיטלען און איסנאמען פון געוויסע סטעיט-ארויפגעלייגטע באגרעניצונגען צו בויען מער האוזינג אין ניו יארק סיטי, א 500 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג קאסע צו אויפבויען ביז 15,000 נייע היימער אויף שטחים אין די סטעיט רעגירונג'ס אייגנטום, נאך 600 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו שטיצן פארשידנארטיגע האוזינג דעוועלאפמענטס אריבער די סטעיט און נייע שוץ מאסנאמען פאר טענאנטס און היים אייגנטימער. דערצו, אלס טייל פון די פיסקאלע יאר 2023 אקטיווע בודזשעט, האט די גאווערנער געמאלדן א פינף-יאר, 25 ביליאן דאלאר האוזינג פלאן, צו בויען און פרעזערווירן 100,000 צוגענגליכע היימען דורכאויס די סטעיט, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר שוואכע באפעלקערונגען, פלוס דדי עלעקטריפיקאציע פון נאך 50,000 היימען. מער ווי 45,000 היימען זענען געבויט געווארן אדער אפגעהיטן געווארן ביז יעצט.

לעצטע אוגוסט, האט גאווארנער האקול אויך געמאלדן די פרא-האוזינג געמיינדעס פראגאם. פרא-האוזינג געמיינדע סערטיפיקאציע איז א פארלאנג פאר לאקאליטיס צו האבן צוטריט צו ביז 650 מיליאן דאלאר אין סטעיט וואלונטירישע פינאנצירונג. ביז יעצט, זענען מער ווי 160 געמיינדעס געווארן סערטיפיקירט, אריינגערעכנט די טאון אוו קארינט.

**סעניטער מעידשאריטי פירער טשארלס שוממער האט געזאגט**, "איך בין שטאלץ אז די פעדעראלע נידריג-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיט וואס איך האב געארבעט שווער אפצוהיטן און עס אויסברייטערן האבן געגעבן באלד 12 מיליאן דאלאר צו העלפן פארענדיגן ריווערוויו דירות אין קארינט, וועלכע וועט צושטעלן פאר מער פאמיליעס מיט פארזיכערטע, צוגענגליכע און ענערגיע-עפעקטיווע פלאץ צו וואוינען. הויכע האוזינג קאסטן זענען א הויפט טרייב קראפט פון אינפלאציע, און דערפאר מוזן מיר בויען מער האוזינג פאר מענטשן וואס ארבעטן כדי צו אראפברענגען די הויכע פרייזן. איך אפלאדיר גאווארנער האקול'ס ארבעט צו פארמערן צוטריט צו צוגענגליכע דירות אין סאראטאגא קאונטי און איבער ניו יארק, און איך וועל ארבעטן ווייטער איבערצוגעבן פעדעראלע ריסאורסעס צו פארזיכערן אז יעדער ניו יארקער א דאך איבער זייער קאפ."

**רעפרעזענטיוו פאול טאנקא האט געזאגט,** "איך בין צופרידן צו פייערן די מעלדונג וואס צייכנט אפ א גרויסע פארשריט אין אונזערע באמיאונגען צוזושטעלן לייכט צוצוקומען, לאנג אנהאלטנדע האוזינג פאר אונזערע געמיינדעס. דורך נוצן באדייטנדע פעדעראלע און סטעיט פינאנצירונג, האבן מיר געשאפן 60 נייע זירו-עמישן צוגענגליכע הייזער פאר אונזער פארברייטערטע קאפיטאל ראיאן ארבעטקראפט - יעדע אויסגעשטעלט מיט סטעיט-אוו-די-ארט געאטערמאל און סאלאר ענערגיע סיסטעמס. די פראיעקט איז א אפשפיגלונג פון אונזער שטאנדהאפטיגע פארפליכטיגונג צו פארברייטערן צוגענגליכע הייזער און באקעמפן אונזער קלימאט קריזיס, און איך בין אייפערדיג צו ווייטער טון אונזערע באמיאונגען צו מאכן זיכער אז אלע אמעריקאנער האבן א פארזיכערטע, באקוועמע פלאץ צו רופן היים."

**NYS היימען און געמיינדע ריניועל קאמישענער רוטאנא וויסנאסקאס האט געזאגט,** "ריווערוויו דירות שטעלט צו 60 הויזגעזינדער מיט צוגענגליכע, פארזיכערטע און מאדערנע דירות וואס זיי קענען רופן היים. די 24 מיליאן דאלאר דעוועלאפמענט באווייזט גאווארנער האקול'ס פריאריטעטן פון בויען מער צוגענגליכע דירות און אין די זעלבע צייט אויך גרינען אונזער האוזינג סטאק. ווען די טאון אוו קארינט שליסט זיך אן אין מער ווי 160 געמיינדעס דורכאויס ניו יארק וואס זענען געווארן סערטיפיצירטע פרא-האוזינג געמיינדעס, קוקן מיר ארויס צו זען מער פראיעקטן אזוויו דעם אין די ראיאן און דורכאויס די סטעיט."

**OMH קאמישענער דר.אן סוליוואן האט געזאגט,** "שטיצנדע האוזינג ערמעגליכט מענטשן וואס לעבן מיט גייסטיגע קראנקהייטן צו זיין סוקסעספול אויף זייער וועג צו ערהוילונג. די 30 שטיצנדע יוניטס אין ריווערוויו דירות וועלן צושטעלן פארזיכערטע און סטאבילע האוזינג מיט סערוויסעס צו העלפן די איינוואוינער לעבן און בליען זעלבסטשטענדיג אין זייער אייגענע געמיינדע. קאנגראטולאציעס און פילע דאנקען צו RISE האוזינג & שטיצע סערוויסעס און צו אלע אונזערע פארטנערס אין שאפן די הערליכע נייע היים."

**NYSERDA פרעזידענט און CEO דארין מ. העריס האט געזאגט,** "ריווערוויו דירות נעמט אריין די נייסטע נייע קאנסטראקשן פיטשערס פאר בויען פונקציאנירונג און שטאנדהאפטיגקייט צוזאמען מיט היץ פאמפס פאר מער עפעקטיווע הייצונג און קילונג געברויען און עלעקטריסיטי באפולמעכטיגט פון געמיינדע סאלאר. די מאדערנע אמיניטיס וועלן העלפן נידערן אן-סייט קארבאן עמישנס און ענערגיע קאסטן פאר איינוואוינער אין סאראטאגא קאונטי און אין די צייט פארזיכערן צוטריט צו באקוועמע, געזונטע, צוגענגליכע און שטיצנדע האוזינג גלייך אין זייער געמיינדע."

**סטעיט סענאטאר דשים טעדיסקא האט געזאגט,** "צוגענגליכע האוזינג איז א וויכטיגע זאך פאר פילע ניו יארקערס וואס וואוינען אויף באשטימטע איינקונפטן. איך וויל דאנקען גאווארנער האקול און די NYS הייזער און געמיינדע רינויעל פאר זייערע אנשטרענגונגען אין אויפבויען 60 נייע צוגענגליכע געביידעס אין די טאון אוו קארינט און 44סטע סענאט דיסטריקט מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר איינוואוינער וואס קענען זיך נויטיגן אין דעם צו לעבן זעלבסטשטענדיג."

**אסעמבלימעמבער מאטיו סימפסאן האט געזאגט,** "די צוגאב פון 60 נייע האוזינג יוניטס צו קארינט איז אומגלויבליך. מיט די יוניטס וואס שטעלן צו לעבנספעהיגע האוזינג וואס פארלייכטערן צוגענגליכקייט פלאגענישן ווי אויך ערלויבן קוואליטעט וואוינונגס מעגליכקייטן צו סיניארס און די וואס זוכן שטיצנדע מעגליכקייטן, איז די געמיינדע פארזיכערט צו זיין גוט סערווירט און ערפילן פילע געברויכן. כאטש וואס מיר האבן נאך מער ארבעט צו טוהן צו ברייט אדרעסירן האוזינג ערלויבעניש פלאגענישן, איז דאס א גרויסע שריט פאראויס אין די געגנט. איך דאנק הודסאן ריווער געמינדע קרעדיט יוניאן פאר זייער ברייטהארציגקייט שענקענדיג די לאנד און געב מיין טיפע דאנקבארקייט צו סטעיט און לאקאלע סטעיקהאלודערס וואס האבן געהאלפן די פראיעקט ווערן א רעאליטעט."

**ווילעדש אוו קארינט מעיאר טערי מילער האט געזאגט,** "די נייע ריווערוויו דירות, אין די ווילעדש אוו קארינט זענען פארענדיגט. עס איז א הערליכע איינריכטונג. די פראצעדור איז אונטערוועגנס אויסצווועלן די איינוואוינער פון די 60 יוניטס. די איינריכטונג וועט ערלויבן לאקאלע מענטשן אין נויט פון נידריג-איינקונפט האוזינג, עלטערע איינוואוינער אויף באשטימטע איינקונפטן און מענטשן מיט גייסטיגע געזונטהייט קרענק די געלעגנהייט צו וואוינען אין א שיינע, פארזיכערטע איינריכטונג. דאס איז זיכער נויטיג אין די ווילעדש און טאון אוו קארינט."

**נאציאנאלע גריד ראיאנישע עקזעקיוטיוו קים אירלאנד האט געזאגט,** "נאציאנאלע גריד שטיצט די סטעיט'ס ענערגיע צילן און איז שטאלץ צוז יין א טייל פון די ריינע היץ רעבאט פראגראם. נאציאנאלע גריד האט געקענט צושטעלן מער ווי $200,000 אין אינסענטיווס פאר די ריווערוויו דירות פראיעקט וואס וועט ראטעווען מער ווי 2,100 MMbtu פון נאטורליכע געז און 43,000 kWh פון עלעקטריסיטי."

**סארטאגא קאונטי טשעמבער אוו קאמערס פרעזידענט טאד שימקוס האט געזאגט,** "ווען סאראטאגא קאונטי'ס עקאנאמיע וואקסט, דארפן מיר בויען מער צוגענגליכע הייזער אז מער מענטשן זאלן קענען וואוינען און ארבעטן אין אונזערע לאקאלע געמיינדעס, און דאס איז פארוואס מיר זענען אזוי דאנקבאר צו גאווארנער האקול'ס פירערשאפט צו שטיצן ארגאניזאציעס אזוויי RISE ווען זיי זוכן צו בויען פראיעקטן אזוויי דעם. מיר גלייבן אז יעדע ריבאן-שניידונג וואס די סאראטאגא קאונטי טשעמבער האלט אפ איז די פייערונג פון א חלום וואס איז פארווירקליכט געווארן, און די פראיעקט'ס פארענדיגונג מיינט אז די חלומות פון מער ווי 60 פאמיליעס וועלן פארווירקליכט ווערן ווען זיי ציען זיך אריין אין א נייע היים ביי די ריווערוויו דירות. קודאס צו יעדעם אין די סטעיט, קאונטי, און לאקאלע שטאפל וואס האבן געשפילט א ראלע אין מאכן די טאג און די פראיעקט ווערן."

**RISE האוזינג & שטיצע סערוויסעס עקזעקיוטיוו דירעקטאר סיביל ניוועל האט געזאגט,** "איך בין פרייליך צו זען די ריווערוויו פראיעקט פארווירקליכט ווערן. דאס איז געווען אזא צוזאמענארבעטנדע פראיעקט פון די ערשטע טאג, און צו יעצט קענען צושטעלן צוגענגליכע הייזער צו נארטערן סאראטאגא קאונטי איז אזא באדייטנדע אפצאל. א דאנק צו NYS הייזער און געמיינדע ריניועל, און די NYS אפיס פון גייסטישע געזונט פארן זיין אומגלויבליכע פארטנערס אזוויי אלעמאל. און א גרויסע דאנק צו די הודסאן ריווער געמיינדע קרעדיט יוניאן פארן שענקען די פלאץ אויף וואס ריווערוויו שטייט יעצט. מיר קוקן ארויס צו אונזער ווייטערדיגע צוזאמענארבעט."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן